# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת ויגש | שנת תשע"ב לפ"ק



## מילי דחסידותא

**ויגש אליו יהודה ויאמר בי אדוני וגו':**

**כ"ק מרן רבינו שליט"א** האט אמאל אויסגעטייטשט דעם פסוק על דרך מוסר פאר יונגע בחורים וואס קומען אריין לעול התורה והמצוות.

יעדער בחור ווען ער קומט אריין לעול התורה והמצוות דארף ער זיך אויסוויינען דאס הארץ פארן בורא כל עולמים אז ער זאל אריינטרעטן אין די ימי הבחרות מיטן רעכטן פיס, און ער זאל האבן די כוחות זיך צו פארמעסטן מיטן יצר הרע נאך די בר מצוה, און ער זאל קענען דאווענען ווי עס דארף צו זיין, און ער זאל קענען לערנען מיט התמדה.

דאס קען מען מרמז זיין אינעם פסוק:

**ויגש אליו יהודה**, זאגן חז"ל מצינו הגשה לתפלה, אז א בחור פאר די בר מצוה דארף צוגיין און ערליך בעטן פון השי"ת און איהם זאגן **ב"י אדני**, "הייליגער באשעפער, ב"י איך בין אלט צוועלף יאר, איך גרייט מיך צו מיין בר מצוה, איך בעט דיר טאטע אין הימל **ידבר נא עבדך דבר באזני אדני**, אז נאך מיין בר מצוה זאל איך קענען דאווענען פאר דיר, און איך זאל זיך קענען אויפפירן מיט יראת שמים און מידות טובות כדי **ואל יחר אפך בעבדך**, אז קיינמאל אין מיין לעבן זאלסט נישט האבן קיין צער פון מיר".

אויב קומט מען אן צו די בר מצוה צוגעגרייט, און מען האט זיך שוין פון פאראויס אויסגעבעטן פון השי"ת, וועט דער שומע תפילת כל פה אוודאי געבן אסאך סייעתא דשמיא אז מ'זאל אויסוואקסן ערליך, הייליג, און אפגעהיטן, און קענען טון א נחת רוח פארן הייליגן באשעפער.

## דרש דרש

**וישלח את אחיו וילכו ויאמר אליהם אל תרגזו בדרך:** רש"י זאגט 3 פשטים: א) שלא תפסיעו פסיעה גסה ב) אל תתעסקו בדבר הלכה ג) שלא יריבו זה עם זה.

זאגט דער הייליגער **חתם סופר** זי"ע אז די אלע דריי פשטים גייען אינאיינעם, ווייל די גמרא זאגט אין מס' ברכות (דף מ"ג ע"ב) אז גיין מיט גרויסע טריט שאדט פאר די אויגן, און שבת ביי קידוש ווערן די אויגן פארהיילט.

אין די ספה"ק ווערט געברענגט אז די שבטים זענען געווען מסופק צי זיי האבן א דין ישראל צי א דין בן נח, און דער חילוק איז לגבי 2 זאכן א) ווייל נאר אידן מעגן היטן שבת. ב) אויב האבן זיי א דין ישראל האט יעקב נישט געטארט חתונה האבן מיט 2 שוועסטערס.

דאס איז געווען יעצט ביי די שבטים, זיי האבן געוואלט לויפן שנעל צו זייער טאטן, אבער זיי האבן געוואוסט אז דאס איז נישט אויסגעהאלטן ווייל עס איז א סכנה פאר די אויגן, האבן זיי געהאט א עצה צו מאכן קידוש און דאס וועט העלפן פאר די אויגן, וועט ווערן א שאלה צי זיי האבן א דין ישראל און זיי מעגן האלטן שבת, און אויב יא, קומט אויס אז יעקב האט גענומען די צוויי שוועסטערס באיסור, ווערט א מחלוקה ווער איז געבוירן באיסור, צי רחל'ס קינדער ווייל רחל האט חתונה געהאט די צווייטע, צי בני לאה, ווייל רחל האט ער מקדש געווען דורך די ארבעט פון די ערשטע 7 יאר, וועט מען זיך אנהייבן צו קריגן.

קומט אויס אז אלע דריי פשטים זענען אמת, אז יוסף האט זיי אנגעזאגט אז זיי זאלן נישט לויפן, כדי ס'זאל נישט שאטן פאר די אויגן, און זיי וועלן וועלן מאכן קידוש, און דעריבער וועלן זיי מאכן א מסקנא אז זיי האבן א דין ישראל, און ס'וועט קומען צי א מחלוקה, ווער עס איז געבוירן בהיתר און ווער באיסור.

**ולבנימין נתן שלש מאות כסף:**

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס האט יוסף געגעבן פאר בנימין פונקט **שלש מאות כסף**.

זאגט דער **אסטראווצער גאון זצ"ל** אזוי: ווייל די שבטים האבן זיך איינגעטיילט יעדן טאג צו באדינען דעם טאטן, קומט אויס אז די 'צוויי און צוואנציג יאר וואס יוסף איז נישט דארט געווען האבן די שבטים אים איבער גענומען און זיי האבן באדינט דעם טאטן אין די טעג וואס ער האט פארפעלט.

די שבטים קענען אבער נישט האבען קיין טענות אויף יוסף אז זיי ארבעטן וועגן אים, ווייל זיי האבן אים דאך פארקויפט, אבער בנימין איז דאך נישט דארט געווען, וועגן דעם האט אים יוסף געוואלט באצאלן פאר די טעג וואס ער האט געארבעט אנשטאט אים.

דארף מען נאר פארשטיין פארוואס פונקט **שלש מאות כסף**?

זאגט ער דעם חשבון אזוי: אין בית יוסף שטייט אז עס איז דא דריי הונדערט ימות החול אין איין יאר, און די שבטים זענען דאך געווען 'צוועלף'. קומט אויס אז יעדער האט באדינט דעם טאטן 'פינף און צוואנציג' טעג אין איין יאר (ווייל 12 מאל 25 איז 300 אזויפיל וויפיל ארבייטס טעג עס איז דא אין א יאר), יוסף איז נישט דארט געווען 'צוויי און צוואנציג יאר', האבן דאך די ברודער געארבייט וועגן אים, יעדער איינער 'פופציג' טעג, (ווייל 22 מאל 25 איז 550) קומט אויס אז די ברודער האבען געארבעט פאר יוסף 550 טעג, ווייל 11 מאל 50 טעג איז 550.

עס שטייט אין מדרש אז דער שכר פון איין טאג ארבעט איז 6 כסף, קומט אויס אז 50 מאל 6 איז 300 וועגן דעם האט יוסף געגעבן **שלש מאות כסף** פאר בנימין צו באצאלן די 50 טעג וואס ער האט געארבעט פאר אים.

# בפרדס הפרשה

ידיעות וענינים השייכים לפרשת השבוע

## מצות קריאת שמע

אין די וואכעדיגע סדרה לערנען מיר ווען יוסף האט זיך באגעגענט מיט יעקב אבינו **ויפל על צואריו ויבך על צואריו עוד,** זאגט רש"י **אבל יעקב לא נפל על צוארי יוסף ולא נשקו, ואמרו רבותינו שהיה קורא את שמע**, אז יעקב האט נישט מפסיק געווען, ווייל ער האט געהאלטן אינמיטן קריאת שמע. וועלן מיר איצט לערנען עטליכע ענינים איבער קרי"ש.

די גמרא זאגט אין מס' ברכות (דף ט"ו ע"ב) **הקורא קריאת שמע ומדקדק באותיותי' מצננין לו גהנם**, איינער ליינט קרי"ש און ער איז מקפיד קלאר ארויסצוזאגן יעדעס ווארט טוט מען אויסקילן דאס גהנם פאר אים.

עס איז אינטערעסאנט צו דערציילן ווען דער **רבי בעל דברי יואל זי"ע** איז געווען אין שעראן ספרינגס איז געווען זייער א הייסער טאג, און דער רבי איז געגאנגען שפאצירן, האט זיך איינער אנגערופן צום רבי'ן אז עס איז אזוי הייס ווי דער גהנם, האט דער רבי געזאגט בדרך צחות אז דאך איז דא א חילוק צווישן דעם גהנם אין די יעצטיגע היץ, ווייל אויף די וועלט איז כאטש דא אן עירקאנדישאן קעגן די היץ. האט דער רבי אויסגעפירט "באמת איז אין גהנם אויך דא אן עירקאנדישאן, און דאס איז ליינען ערליך קריאת שמע, ווי די גמ' זאגט אז מ'ליינט ערליך קריאת שמע קילט מען אויס דעם גהנם".

אין **שו"ע** (או"ח סי' ס"א סעי' ג') שטייט אז אין קרי"ש איז דא רמ"ה (245) ווערטער, און כדי משלים צו זיין עס זאל זיין רמ"ח (248) קעגן די אברים פון א מענטש זאגט דער שליח ציבור - אויסערדעם וואס ער ענדיגט ווי דער גאנצער ציבור אני ה' אלקיכם אמת - נאכאמאל "**ה' אלקיכם אמת**" כדי משלים זיין די רמ"ח ווערטער.

אויב איינער דאווענט ביחידות, ווי אזוי איז ער משלים די דריי ווערטער? דער מחבר (סי' ס"א) זאגט אז ער זאל אינזינען האבן זאגענדיג די פופצן ו' פון "**ו'יציב ו'נכון ו'קיים ו**גו', ווייל פופצן מאל 6 באטרעפט 90. און דער שם הוי"ה באטרעפט 26 אינאיינעם מיט די 4 אויתיות איז 30, און דריי מאל 30 איז אויך ניינציג, דעריבער ווערן די 15 ו' באטראכט ווי דריי מאל דער שם הוי"ה, און די דריי ווערטער זענען זיך מצרף צו 248.

דער **רמ"א** שרייבט אז ער זאל אינזינען האבן די 15 ו', וואס איז בגי' 90 און אינאיינעם מיטן כולל איז 91 וואס איז די זעלבע גימ' ווי הוי"ה אדנ"י, מילא ווערט גערעכענט ווי ער זאגט הוי"ה אדנ"י אמ"ת, וואס די דריי ווערטער איז מען מצרף אז עס זאל זיין רמ"ח.

נאך זאגט דער **רמ"א** אז ביחידות זאל מען זאגן די דריי ווערטער "קל מלך נאמן" פאר קרי"ש, כדי משלים צו זיין די רמ"ח ווערטער, און ער ענדיגן "וכן נוהגין".

דער **מגן אברהם** (שם סק"ג) שרייבט אז ביי מעריב וואס מען זאגט נישט די 15 ו' פון ויציב ונכון, זאל מען דאס אינזינען האבן ביים ו' פון ו'אמונה כל זאת. וויאזוי?

דער **מחצית השקל** איז מסביר ווייל דער מילוי פון אות ו' איז וא"ו, און די 3 אותיות ו'א'ו' איז מרומז אויף 3 שמות הק'.

די ערשטע **ו'**, רעכנט מען **א'** מיט **ב'** מיט **ג'** מיט **ד'** מיט **ה'** מיט ו' אינאיינעם איז 21, בגי' שם **אהי"ה**.

דער **א'** האט א צורה פון א **ו'** אינדערמיט, א **י'** פון אויבן א **י'** פון אונטן, וואס **י' ו' י'** איז בגי' 26, כמנין שם **הוי"ה** ב"ה.

די לעצטע **ו'** איז אויך בגי' **כ"א**, אזוי ווי די ערשטע **ו'**, און אינאיינעם קומט עס אויס די דריי שמות **אהי"ה, הוי"ה, אהי"ה.**

# מילי דשמעתתא

ענינים מפרשת השבוע שלמדנו במס' קידושין פרק האשה נקנית

## לעולם ישליש אדם שנותיו:

מיר לערנען די וואך ווי יוסף הצדיק האט אנגעזאגט פאר זיינע ברודער אל תרגזו בדרך.

אין מס' **תענית** זאגט די גמרא אז יוסף הצדיק האט דא אנגעזאגט פאר זיינע ברודער "**אל תתעסקו בדבר הלכה שמא תרגז עליכם הדרך**", ממילא זאל מען נישט לערנען אויפן וועג. לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס האט דאס נאר יוסף אנגעזאגט, און נישט יעקב אבינו בשעת ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען?

ענטפערט דער **יערות דבש** אז די גמרא זאגט אין מס' קידושין, **לעולם ישליש אדם שנותיו, שליש במקרא, שליש במשנה, שליש בתלמוד**, פרעגט די גמרא וואו ווייסט דען א מענטש ווילאנג ער וועט לעבן אז ער זאל דאס קענען איינטיילן אין דריי. ענטפערט די גמרא ליומא, ווי תוס' איז מסביר מיינט דאס אז מ'זאל יעדן טאג איינטיילן אין דריי און לערנען פון אלע חלקי התורה.

דעריבער קען זיין אז ווען יעקב אבינו האט זיי געשיקט האט ער נאך געמיינט אז יוסף הצדיק איז געשטארבן, און די הבטחה וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן אז זיינע קינדער וועלן נישט שטארבן בחייו איז בטל געווארן, ממילא האט ער זיי נישט געקענט אנזאגן אז זיי זאלן נישט לערנען אויפן וועג, ווייל זיי מוזן יעדן טאג לערנען פון אלע דריי חלקי התורה, ווייל קיינער ווייסט דאך נישט ווילאנג ער וועט לעבן.

אבער יוסף הצדיק האט דאך געוואוסט אז די הבטחה איז נישט בטל געווארן, ממילא וועלן זיי יא האבן אריכות ימים, דעריבער דארף מען נישט איינטיילן יעדן טאג צו לערנען הלכות, נאר זיי וועלן ממשיך זיין צו לערנען אינדערהיים, און אויפן וועג זאלן זיי לערנען גרינגע זאכן.

# ידוע תדע

מטרתו להרחיב ידיעות התלמידים בעניני הלכה ומנהג

אין **בפרדס הפרשה** די וואך ווערט אויסגעשמועסט עטליכע ענינים בנוגע מצות קריאת שמע וואס ווערט דערמאנט די וואך אין די סדרה.

צוליב די הייליגקייט און גרויסקייט פון די מצוה, וועלן מיר דא אויסשמועסן א פרט בנוגע די כוונה פון דעם ערשטן פסוק פון קריאת שמע.

דער ערשטער פסוק פון קריאת שמע איז דער פסוק אין פרשת ואתחנן "**שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד**", וואס דאס איז דער הייליגער פסוק פון יחוד שמו יתברך, וואס באצייכענט דעם קשר און איינצוגונג צווישן השי"ת מיט כלל ישראל. און דעם פסוק מוז מען אינזינען האבן די נויטיגע כוונות, וואס אנדעם האט מען נישט יוצא געווען.

עס איז אינטערעסאנט דער לשון פונעם **ערוך השולחן** (סי' ס"א) וואס ער שרייבט "בוודאי יש כוונות נוראות בפסוק שמע ישראל, אבל בפשטותה הוא כמו שפירש רש"י **שמע ישראל ה' אלקינו**, כלומר שהוא אלקינו עתה, **ה' אחד**, עתיד להיות ה' אחד, שנאמר כי אז אהפוך אל העמים שפה ברורה לקרא כולם בשם ה', ונאמר ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד, וזה כל תקוותינו שאז יתגדל ויתקדש שמו יתב"". אט די כוונה איז מען מחויב אינזינען צו האבן ווען מ'זאגט דעם פסוק.

דער **מחבר** (או"ח סי' ס"א סעיף ו') זאגט אבער אז אין דאס ווארט **אחד** איז דא נאך כוונות. און ער זאגט אז מ'דארף אינזינען האבן ביים **א'** אז השי"ת איז אחד יחיד ומיוחד, ביים **ח'** איז מען אים ממליך אויף די וועלט און אויף די זיבן הימלען, און ביים **ד'** אויף אלע פיר רוחות השמים. און דער שיעור איז אזוי לאנג ווי עס נעמט אינזינען צו האבן די כוונות, און מער פון דעם זאל מען נישט מאריך זיין.

דער **מגן אברהם** זאגט שוין א זמן ווילאנג מ'זאל מאריך זיין אז מ'זאל אויסציען דעם **ח'** כשיעור שליש, און דעם ד' כשיעור ב' שלישים. דער **גר"א** איז אבער מחולק אויפן מחבר, און ער זאגט אז מ'זאל בכלל נישט מאריך זיין ביים ח', נאר מ'זאל אויסציען דעם **ד'**.

לכאורה דארף מען פארשטיין ווי אזוי קען מען מאריך זיין ביים ד', מילא דער ח' אינמיטן ווארט מיט א נקודה לאזט זיך אויסציען, אבער א ד' ביים סוף ווארט אן קיין נקודה ווי אזוי ציעהט מען דאס אויס.

איז אינטערעסאנט וואס ווערט געברענגט אין **דברי יחזקאל** (החדש פר' ואתחנן) בשם די כתבים פון **הרה"ג ר' אברהם צבי גינצלער דומ"ץ הימנע**, אז ער האט געהערט פון הרה"ק רבי משה יוסף פון איהעל זצ"ל אז ער האט גערעדט מיטן שינאווער רב זי"ע איבער די שאלה ווי אזוי קען מען מאריך זיין ביי א ד' און דאס ווארט זאל נישט פארלירן איר משמעות? און 'הסכימו בהחלט' אז דאס מאריך זיין מיינט אז מ'זאל ממשיך זיין במחשבה נאכדעם וואס מ'ענדיגט דאס ווארט, און טאקע נישט אויסציען דעם ד'.

אזוי שטייט טאקע אין **שו"ע הרב** (סי' ס"א סק"ז) אז דאס וואס חז"ל זאגן אז מ'זאל מאריך זיין ביים ד' "היינו במחשבה לפני שאומר ברוך שם".

אבער דער שינאווער רב אליינס האט זיך געפירט אז ער האט גלייך געענדיגט דאס ווארט 'אחד', און נאך א קורצע הפסקה האט ער געמאכט א קול וואס ער האט אויסגעצויגן ביז ער האט געענדיגט אינזינען האבן די כוונות.

ווייטער ברענגט רבי אברהם צבי הנ"ל אז דער שינאווער רב האט געטייטשט וואס די גמרא זאגט דארט "**ובלבד שלא יחטוף בחי"ת**", אז איידער א מענטש ווערט נפטר ווען ער האלט ביי די גסיסה פארגעסט ער אלע אותיות פון א' ב', און ער געדענקט נאר דעם אות ח', און דעמאלטס קומט דער ס"מ און פרובירט אים צורעדן צו לייקענען ח"ו אין אייבערשטן, דארף מען געדענקען "שלא יחטוף בחי"ת" אז מ'זאל איהם נישט קענען כאפן ווען ער געדענקט שוין נאר דעם אות ח', נאר ער זאל זיך פעסט האלטן ביי די אמונה ביז די לעצטע רגע פון זיין לעבן.